**איף תיכף ארויסצוגעבן:** 12/20/2021 **גאווערנאר קעטי האקול**

**גאווערנער האקול אנאנסירט ענדע פון האָלידעי שפילצייג, מאנטל און שולע געצייג אפיעל פאר נויטבאדערפטיגע ניו יארקער**

***5,355 ביישטייערונגען געזאמלט***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט געמאלדן דער ענדע פון ניו יארק׳ס יערליכע סטעיט-ברייטע ביישטייערונג קאמפיין לטובת נויטבאדערפטיגע פאמיליעס לענגאויס ניו יארק. ביישטייערונגען פון נייע נישט-געעפנטע שפילצייג, מאנטלען און שולע געצייג זענען פארזאמלט געווארן ארויסצוהעלפן קאמיוניטי-באזירטע ארגאניזאציעס אין לויף פון דעם האָלידעי ביישטייערונג סעזאן.

״אזוי ווי מיר דערנענטערן זיך צו די האָלידעיס, האבן מיר גרויס חשק אויסצוטיילן די געשאנקען לענגאויס דעם סטעיט,״ **האט גאווערנער האקול געזאגט.** ״איך וויל דאנקען די וועלכע האבן ביישטייערט צו מאכן דעם קאמפיין א סוקסעס. צוליב אייער ברייטהארציגקייט וועלן פאמיליעס לענגאויס ניו יארק קענען האבן א פרייליכער האָלידעי. נאך שוועריגקייטן פארערגערט דורך דער פאנדעמיע וועלן די געשאנקען שטארק אויסמאכן פאר די וועלכע זענען אין נויט דעם סעזאן.״

דורך דראַפּ-אָף פונקטן אויפגעשטעלט דורך דער אפיס פאר גענעראלע סערוויסעס, געשיקט ביישטייערונגען ערהאלטן ביים עמפייער סטעיט פלאזא, און אנדערע ערטער זענען געמאכט געווארן 5,355 ביישטייערונגען, וועלכע וועלן אויסגעטיילט ווערן צו פאמיליעס אין אונטערסערווירטע קאמיוניטיס לענגאויס ניו יארק סטעיט. 1,300 שפילצייג זענען ביישטייערט דורך באשטימטע פושקעס. די כינע גענעראלע טשעימבער אָוו קאָמערס האט ביישטייערט 755 שפילצייג און יונייטעט וועי פון ניו יארק סטעיט האט ביישטייערט 4,055 שפילצייג, מיט א ראיאנישע צוטיילונג ווי פאלגענד:

אפסטעיט יונייטעד וועיס: **3,299 געשאנקען סך הכל**

- UW פון אדיראנדעק: 1200 געשאנקען
- UW פון טאמפקינס: 708 געשאנקען
- UW פון קארטלענד: 410 געשאנקען
- UW פון ברום: 631 געשאנקען
- UW פון גרעיטער קעפ: 350 געשאנקען

יונייטעד וועי פון ניו יארק סיטי: **756 געשאנקען סך הכל**

**אפיס פאר גענעראלע סערוויסעס עקטינג קאמיסיאנערין דזשענעט מוי האט געזאגט,** ״אין דעם סעזאן פון געבן, איז OGS שטאלץ צו שטיצן די היי-יעריגע ניו יארק סטעיט האָלידעי שפילצייג, מאנטל, און שולע געצייג קאמפיין. אינאיינעם מיט גאווערנער האקול דאנק איך אלע וועלכע האבן ביישטייערט צו

דעם וויכטיגן צוועק. זייער ברייטהארציגקייט און מיטגעפיל וועט העלפן פארשפרייטן פרייד און דער האָלידעי גייסט צו קאמיוניטיס וואו עס איז די מערסטע אין נויט.״

**פארזיצער פון דער כינע גענעראלע טשעימבער אָוו קאָמערס פאנדעישען און פרעזידענט און CEO פון באנק פון כינע USA טשען שו האט געזאגט,** ״מיט די גרויסע שוועריגקייטן וואס מיר זענען דעם יאר אויסגעשטאנען, זענען די שפילצייג איין פון אונזערע מיטלען צו פארשפרייטן אפטימיזם און צוריקגעבן צו דער קאמיוניטי. CGCC פאנדעישען שטאלצירט זיך צו ארבעטן מיט'ן גאווערנער'ס אפיס פאר דער ברייטהארציגע אונטערנעמונג.״

**צווישנצייטיגע סי-אי-או פון יונייטעד וועי פון ניו יארק סטעיט קיעט בארסון האט געזאגט,** ״יונייטעד וועי פון ניו יארק סטעיט שטאלצירט זיך צו שטיין אינאיינעם מיט גאווערנער האקול און וואל-מארט איבערצובייטן די פינאנצירונג און אויסטיילן די שפילצייג וועלכע וועלן ליכטיגער מאכן די גייסט פון קינדער אין שווערערע אומשטענדן. א דאנק אונזער שטארקע נעטוואָרק פון ארטיגע יונייטעד וועיס און זייערע באציאונגען מיט סערוויס פראָוויידערס, אינאיינעם מיט אונזער NY211 העלפ-ליין סיסטעם, האבן מיר די מיטלען אין וואס מיר נויטיגן זיך צו וויסן וואו קינדער און פאמיליעס זענען די מערסטע אין נויט, אזוי ווי מיר האבן געוויזן ביים שפיץ פון דער פאנדעמיע.״

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418

זיך אויסשרייבן